**אויף תיכף ארויסצוגעבן:** 12/13/2023 **גאווערנער קעטי האקול**

## גאווערנער האקול מעלדט וועגן האלידעי סעזאן "דרייוו ניכטער אדער ווערט אוועקגעצויגן" ענפארסמענט איניציאטיוו

***א צוגאב פון טרופערס וועלן זיין איסגעשפרייט אויף NYS שאסייען צו זוכן פעלער'יגע דרייווערס ביי דעם האלידעי סעזאן***

***דאס צושליסן קאנסטרוקציע-פארבינדענע וועגן ווערט באגרעניצט צו איבער קריסטמעס און דער וויקענד פון דעם נייעם יאר***

גאווערנער קעטי האקול מעלדט היינט אז די ניו יארק סטעיט פאליציי וועט אנטייל נעמען אין דעם נאציאנאלע ענפארסמענט איניציאטיוו צו באקעמפן פעלער'יגע דרייווינג דורכאויס דעם האלידעי סעזאן. די ניו יארק סטעיט פאליציי וועט אנטיילנעמען אין דעם נאציאנאלע "דרייוו ניכטער אדער ווערט אוועקגעצויגן" (Drive Sober or Get Pulled Over) קאמפיין, וועלכע וועט פארקומען פון מיטוואך, דעצעמבער 13, 2023, ביז מאנטאג, יאנואר 1, 2024.

"פעלער'יגע דרייווינג איז לייכטזיניג, געפארפול און אומגעזעצליך, און מיר ווילן דאס איבערהויפט נישט דולדן אויף די ניו יארק שאסייען," **האט גאווערנער האקול געזאגט.** "מיר שיקן א קלארע מעלדונג דעם האלידעי סעזאן אז די וועלכע ווילן פארלעצן אונזער וויהיקל און טרעפיק געזעצן ווילן באקומען א טיקעט אדער אויסשטיין קרימינאלע קלאגעס."

אויסער די DWI טשעקפוינטס און פאטראלן, וועלן טרופערס זוכן אפגעווענדעטע דרייווערס, רייזנדע וואס זענען נישט אנגעגארטעט ווי געהעריג, און דרייווערס וועלכע פארלעצן די "גייט אין זייט געזעץ," (Move Over Law) וועלכע פאדערט פון דרייווערס צו דרייוון מיט באזונדערע פארזיכטיגקייט ביים דורכפארן עמערדזשענסי וויהיקלס וועלכע שטייען אדער געפינען זיך אין זייט פונעם שאסיי. די סטעיט פאליציי וועט אויך דורכפירן מינדעריעריגע טרינקער ענפארסמענט איינצלהייטן איבערן לאנד.

**ניו יארק סטעיט פאליציי סופער-אינטענדענט אין אקט דאמיניק ל. טשיומענטו האט געזאגט,** "מיר וואונטשן אייך אלע א וואונדערבארע האלידעי סעזאן און א פרייליכע ניי יאר! מיר ווילן טוהן וואס מיר קענען צו פארזיכערן די האלידעיס זאלן זיין זיכער. אונזערע מיטגלידער ווילן בלייבן וואך אויף אייערע שאסייען צו פארמיידן אומנויטיגע טראגעדיעס וועלכע פאסירן פון זינלאזע פעלער'יגע דרייווינג. ביטע טראכט צוויי מאל איידער איר זעצט זיך ביים רעדל פון א וויהיקל אויב איר האט געטרינקען. אויב איר האט געטרינקען, זענען פאראן פילצאליגע מעגליכקייטן וועלכע ווילן אייך פירן זיכערערהייט צו אייער ציל. צוזאמען, לאמיר מאכן זיכערהייט אויף אונזערע שאסייען א הויפטזאך פון דעם האלידעי סעזאן."

די טרעפיק ענפארסמענט קאמפיינען ווערן באצאלט דורך די גאווערנער'ס טרעפיק קאמיטעט אויף זיכערהייט (Governor’s Traffic Safety Committee, GTSC), וועלכע אוואנסירט און שטיצט דאס

אנטיילנעמען פון די געזעץ ענפארסמענט אויטאריטעטן אין די סטעיט, קאונטי און לאקאלע לעוועלס אין שטארק-אנזעעוודיגע ענפארסמענט באמיאונגען. גרענט באצאלונגען ווערן געמאכט צו צושטעלן פאר צוגעגעבענע טרעפיק ענפארסמענט און אנטיילנעמען אין די צייטן פון יאר, אזוי ווי די האלידעיס, ווען א גרעסערער פאטענציעל פון דרייווערס וואס זענען באווירקט דורך אלקאהאל אדער דראגס געפינען זיך אויף די וועגן.

**ניו יארק סטעיט DMV קאמישינער און DGSC טשעיר מארק, ד.פ. שראודער האט געזאגט,** "דאס צוזאמקום פון פאמיליע און פריינט צו פייערן די האלידעיס איז א העכסט פרייליכע זאך, און עס איז דער פליכט פון אונז אלע צו פארזיכערן אז מיר און אנדערע זענען זיכער דורכאויס די צייט. מאכט א פלאן אויב איר ווייסט אז איר וועט באנוצן אלקאהאל ביי די פייערונגען. עס נעמט בלויז איין מינוט צו אויסרעכנען ווי צו אנקומען אהיים זיכערערהייט, און דאס וועט אייך אפשפארן פיל מינוטן פון הארצווייטאג און שווערקייט שפעטער אויב איר האט דעם פלאן נישט געמאכט."

די [נעמט א פלאן עפ (Have a Plan app)] קען אייך העלפן. די אומזיסטע עפ פון די גאווערנער'ס טרעפיק קאמיטעט אויף זיכערהייט און די NYS STOP-DWI פאונדעישאן ערלויבט אייך צו באשטימען א דרייווער, רופן א קעב אדער א רייזע-שותף, און צו זען די רעזולטאטן פון פעלעריגע דרייווינג. איר קענט אפילו נוצן דעם עפ צו באריכטן אן אנגעטרינקענער אדער אנגעדראגטער דרייווער. די עפ איז אוועילעבל פאר אפעל, אנדראיד, און ווינדאס סמארט פאון'ס.
כדי צו פארגרינגערן דאס רייזע אין פארלויף פון די ביזי האלידעי וויקענדס, וועלן צייטווייליג אפגעלייגט ווערן קאנסטרוקציע פראיעקטן פון וועגן שאסייען און בריקן אין די ניו יארק סטעיט הייוועיס פון פרייטאג, דעצעמבער 22, 6:00 אינדערפרי, ביז דינסטאג, דעצעמבער 26, 6:00 אינדערפרי. קאנסטרוקציע וועט אויך ווערן אפגעלייגט פון פרייטאג, דעצעמבער 29, 6:00 אינדערפרי, ביז דינסטאג, יאנואר 2, 6:00 אינדערפרי, צו פארגרינגערן די דרייווערס.

דרייווער זאלן זיין וויסן אז געוויסע ארבעט קען מעגליך אנגיין הונטער פערמאנענטע צעמענטענע ווענט פאר עמערדזשענסי פארריכטונגען. דאס אפלייגן פון קאנסטרוקציע איז אין איינקלאנג מיט ניו יארק סטעיט'ס דרייווער'ס פירסט איניציאטיוו, וועלכע פריאריטיזירט דאס באקוועמליכקייט פון דרייווערס כדי צו פארמינערן טרעפיק לאסטן און רייזע פארשפעטיגונג צוליב ארבעט אויף שאסייען און בריקן.

טעקסט סטאפס, אריינעמיג פארק-און-רייד פאסיליטיס, אפרוה סטאפס, סערוויס און פארקינג פלעצער לענגאויס די סטעיט הייוועיס שטיצן די ארבעט פון די סטעיט צו פארמינערן אפגעוועדטע דרייווינג. די ניו יארק סטעיט טרוו-וועי אויטאריטעט וועט אויך פארזעצן זיין טראדיציע פון פארלייגן אומזיסטע קאפע און הייסע טעה צו רייזנדע לענגאויס די טרוו-וועי פון 11 ביינאכט, ניי יאר עוו ביז 7 אינדערפרי, ניי יאר'ס אינדערפרי פאר זיכערהייט און וואכזאמקייט ביים דרייווינג.

די טרוו-וועי אויטאריטעט דערמאנט דרייווער אז 12 סערוויס געגנטער זענען פארמאכט און זענען אונטער קאנסטרוקציע אלס א טייל פון די $450 מיליאן פריוואטע אינוועסטמענט און פראיעקט פאר מאדערניזאציע. גאז סערוויסעס בלייבן אפן ביי אלע לאקאציעס. דרייווערס קענען זעהן די סערוויס עריעס און פלאנירן זייערע אפשטעלונגען אויף די טרוו-וועי אויטאריטעט'ס וועבזייטל און אויף דעם אומזיסטן טעלעפאן עפ.

**טרוו-וועי אויטאריטעט עקזעקיוטיוו דירעקטאר אין אקט פראנק ג. האאר האט געזאגט,** "דורך דאס אפלייגן קאנסטרוקציע אקטיוויטעט, וועלן דרייווערס איבער די ביזי האלידעי וויקענדס ליידן ווייניגער פארשפעטיגונגען. מיר בעטן דרייווערס צו מאכן זיכערהייט א פריאריטי ביים פארן. הייבט אן פארלאנגזאמען און גייט אין זייט פאר עמערדזשענדי וויהיקלס און טרוו-וועי פערסאנעל אויף זייער וועג צו אינצידענטן, זייט נישט אפגעוועדט ביים דרייוון און לאזט גענוג צייט צו זיך אפשטעלן. מיר דאנקען

אונזערע פארטנערס ביי די ניו יארק סטעיט פאליציי פארן פאטראלירן די טרו-וועי און מאכן זיכער פאר דרייווערס און אונזערע ארבעטער."

**ניו יארק סטעיט דעפארטמענט אוו טראנספארטאציע קאמישינער מארי טערעזא דאמינגעז האט געזאגט,** "די האלידעי סעזאן איז איינע פון די וואונדערבארע צייטן אין יאר, אבער פאר רייזנדע, קען עס אויך זיין איינע פון די מערסטע אנגעצויגענע. דער דעפארטמענט אוו טראנספארטאציע וויל טון אלעס מעגליך צוצושטעלן א זיכערע און גלאטע רייזע פאר דרייווערס, און עס לייגט אפ קאנסטרוקציע אקטיוויטעטן צו העלפן פארגרינגערן טרעפיק, וויבאלד געזעץ איינפירנדע אויטאריטעטן פאקוסירן אויף דאס זיכערהייט פון אלע רייזנדע. מיר וואונטשן אלעם א פרייליכע געזונטע האלידעי סעזאן און מוטיגן די אלע וואס פארן צו ביטע פארן פארזיכטיג, כדי מיר זאלן אלע צוזאמען מאכן זיכער אז יעדער קומט אן צו זיין ציל זיכערערהייט."

אין פארלויף פון אנפירן דעם קאמפיין, וועלן טרופערס נוצן ביידע אנגעצייכנטע סטעיט פאליציי וויהיקלס און באהאלטענע אידענטיטי טרעפיק ענפארסמענט ( Concealed Identity Traffic Enforcement, CITE) וויהיקלס אלס א טייל פון דעם אפעראציע. די CITE וויהיקלס וועלן ערמעגליכן פאר טרופערס גרינגער אידענטיפיצירן מאטאריסטן וואס ניצן דעווייסעס אין זייערע הענט בשעת'ן דרייוו'ען. CITE וויהיקלס ערלויבן די טרופערס צו זען בעסער אפגעווענדעטע דרייווינג פארלעצונגען. די וויהיקלס ווערן איינגעגלידערט מיט טאג טעגליכע טרעפיק, אבער ווערן דערקענט אלס עמערדזשענסי וויהיקלס ווען די עמערדזשענסי ליכט ארבעט.

אין פארלויף פון דעם אפענסיווע אין דעם פארגאנגענעם יאר, ווי די GTSC באריכט, האבן די געזעץ ענפארסמענט אויטאריטעטן אויסגעטיילט 94,372 טיקעטס איבערן לאנד. פון די טיקעטס זענען 18,222 געווען צוליב ספיד, 3,028 צוליב דיסטרעקטעד דרייווינג, 2,684 צוליב סיטבעלטס, 472 צוליב די "גייט אין זייט געזעץ," און 3,139 מענטשן זענען ארעסטירט געווארן צוליב פעלעריגע דרייווינג. 66,827 דרייווערס האבן באקומען טיקעטס פאר אנדערע שענדונגען.

אויב איר דרייווט פעלעריג און ברעכט דעם געזעץ, וועט איר אויסשטיין די קאנסעקווענצן און וועט געהאלטן ווערן פאראנטווארטליך. די ניו יארק סטעיט אפטיילונג פון קרימינאלע יוסטיץ סערוויסעס דאטע ווייזן אז ארעסטירונג פאר פארברעכן און ווילדטאטן צוליב דרייוון א מאטאר וויהיקל אונער די השפעה פון אלקאהאל אדער דראגס רעזולטירן אין א פאראורטיילונג אין אומגעפער 90 פראצענט פון די פעלער.

די ניו יארק סטעיט פאליציי און נאציאנאלע הייוועי טרעפיק זיכערהייט אדמיניסטראציע לייגן אויך פאר די טיפס צו מאכן דעם האלידעי זיכער פאר אלעם:

- מאכט א פלאן ווי צו אהייקומען זיכערערהייט איידער די פייערונגען פאנגען זיך אן;
- איידער איר טרינקט, באשטימט איינער צו זיין א ניכטערער דרייווער;
- אויב זענט איר באגרעניצט, באנוצט זיך מיט א טעקסי אדער א קאר סערוויס, רופט אן א ניכטערער פריינט אדער פאמיליע מיטגליד, אדער באנוצט זיך מיט פאבליק טראנספארטאציע;
- באנצט זיך מיט אייער קאמיוניטי'ס 'ניכטערע היטש' פראגראם;
- אויב איר באמערקט אן אנגעטרינקענער דרייווער אויפן שאסיי, פארבינדט זיך זאפארט מיט א לאקאלע געזעץ ענפארסמענט;
- אויב איר קענט איינעם וועלכער גייט דרייוון אדער דרייווט אין די צייט וואס ער איז נישט ביי זיך, נעמט זייערע שליסלען און העלפט זיי אנדערשוווי צו קומען זיכערערהייט צו זייער ציל.

###

נאך נייעס קען מען באקומען ביי www.governor.ny.gov
ניו יארק סטעיט | עקזעקיוטיוו טשעימבער | press.office@exec.ny.gov | 518.474.8418